וואָכן קיין אַטוואַצק, זשעדנע גערעדט, אַז זי ווייסט נישט ווער סידאַרף עס מער, זי צי דער מאַן, געוווסט, אַז ער, יענטעס, איז ווי אַ קליין קינד און קאָן זיך אָן איר נישט באַגיין קיין איין מינוט. איינמאָל נאָך פסח האָט אַפילו ד״ר יענטעס פּלוצלינג צעהוסט זיך און אויסגעשפּיגן אַ שטיק בלוט. די דאָקטאָרשע יענטעס האָט אָנגעטון אַ גרינע, פאַראומערטע צורה, טעג דורכאַנאַנד זיך געדרייט פון איין צימער אין אַנדערן אין אירע געגוואַנטענע שטעק-שיך, ווי ביי אַ חולה-מסוכן, געקאָרמעט דעם מאַן מיט געלע גלעזער מילך און פּוטער און געמרוקעט צו זיך און צו קיינעם נישט:

— גנבות אומעטום... ווו מיגייט און ווו מישטייט...

— אַ?...

— אַנומלט האָט מען אַראָפּגעגנבעט אַ פולן בוידעם וועש — האָט די דאָקטאָרשע יענטעס גערעדט שטרענג און מיט וואָרעניש.— אַלץ איז דאָ איבערגעקויפטן...

ד״ר יענטעס פלעגט אָנטון זיין אָפּבלאַקירטן פראַק מיט די זיידענע לאַצן, דעם האַרטן קעסעלע-קאַפּעליוש, וואָס ליגט שוין ביי אים פון זינט דער חתונה, נעמען זיין דין, אייזערן שטעקעלע מיטן ניקלענעם אויער און פאַמעלעך אוועקטשאַפּען שפּאַצירן העט אַראָפּ צווישן הילצערנע הייזלעך. פון גיין פלעגט ער שטאַרק שוויצן, דערצו האָט אים דאָס ווייב אָנגעטון אין אַ סך וואָלענע ליבלעך, אַז סיאָט געביסן. דורכגייענדיקע גויים, פּאַציענטן, האָבן געהויבן די היטן, נידעריק זיך פאַרנייגט. אַ היימישער שוסטער אין אַ לעדערן פאַרטוך און מיט לאַנגע פּוילישע וואָנסעס פלעגט אים אַרויסטראָגן אַ שטול צום אָפּרוען, געשטאַנען פאַר אים צוזאַמען מיט זיין ווייב, אַ גרויסע דיקע גוייה מיט אַ דריי-שטאָקיקן גרעק און מיט אַ דיקן האַלז קרעלן. דער שוסטער האָט דערציילט מעשיות פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, געשאָקלט מיט זיינע פאַרקאַשערטע האָריקע הענט און געוויזן, אַז ביי אים אין בויך זיצט אַ קויל ביזן היינטיקן טאָג... ער וועט שוין אַזוי שטאַרבן מיט איר... די שוסטערקע האָט זיך באַרימט מיט אירע קענטענישן אין מעדיצין.

— פּאַניע דאָקטאָרזשע... זאָל דער פּאַן דאָקטאָר נישט לאַכן... אַ מאַמע, וואָס האָט געהאַט זיבעצן קינדער און עלף באַגראָבן, איז אַ סך דורכגעגאַנגען... אוי, ווי אַ סך!...

ד״ר יענטעס האָט צוגעשאָקלט, נאַרישעוואַטע געשמייכלט און: בגנבה פאַרדויבערט אַ פּאַפּיראָס. טיילמאָל פלעגט אים עפּעס נישט גוט ווערן, האָט זיך אַ פאַרקרום געטון, ווי פון אַ שלעכטן טעם. די שוסטערקע פלעגט דעמאָלט מעשה מומחה אים אָפּשפּריצן מיט וואַסער, אים אַריינשטעקן אַ שליסל אין דער פאַרקראַמפּטער האַנט און אים אָפּפירן אַהיים מיט אַ דראָזשקע. אין דער היים האָט זיך ד״ר יענטעס אוועקגעלייגט אויף אַ סאָפע, און דאָס ווייב האָט אים אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט וויים וואַסער און אים געגעבן אַ שטיקל צוקער באַנעצט מיט וואַלעריאַנער טראָפּנס. די שוסטערקע האָט זיך מיט אירע פינף פוד פלייש צוגעזעצט אויף אַ שטול, לאַנג געמישט אַ גלאָז רויטע טיי און נישט אויפגעהערט דערציילן די נסים.

— ...גיב איך מיר אַזוי אַ קוק, זע איך, ווי עפּעס נעמט ער פאַרוואַרפן דעם קאָפּ... טראַכט איך מיר: גאָטעניו יעזוס, און גיב אַ געשריי צום מאַנעלע...

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך דרימלט ד״ר יענטעס אויפן בעט אָן די ברילן און מיטן ברוין-בלויען שראַם אינם קליינעם נעזל, געדענקט נישט רעכט, וואָס מיט אים איז געשען, קרעכצט און מורמלט עפּעס האַלב-וואַכעדיק, האַלב פון שלאָף. די דאָקטאָרשע יענטעס הייסט די פּאַציענטן קומען מאָרגן, דרייט זיך אַרום אויף די נעגל און זוכט מיט אַ שמאַטע שטויב אויפן אַלטן מעבל. צום סוף פאַרקריכט זי אין קיך אַריין. די אַלטע מאַרישע וואַרעמט דאָרטן מילך פאַר דעם גרויען קאָטער, וואָס זיצט אויפן פענסטער מיטן ווײדל אונטער זיך, גענעצט מיט טרערן אין די פייערדיק-געלע אויגן און ווייזט אַ פּאָר לאַנגע, שאַרפע ריים-ציין. די דאָקטאָרשע פאַרקעט זיך אָן איינגעקורטשעטע אין אַ ווינקל, פּאַבעט מיט אַן אַלטן פלעדערוויש און רעדט עפּעס צו זיך אַליין.

— לופּט, עטאָ ווסיאָ... אַלע רפואות זענען גאָרנישט נישט ווערט...

(סוף קומט)

ליטעראַרישע בלעטער

אויף דעם

# דריטן קוואַרטל

(יולי – סעפּטעמבער)

מיר האַלטן פאַר איבעריק צו רעקאָמענדירן די „ליט. בלעט." פאַר דעם יידישן לייענער-עולם. — די 325 וואָכן, וואָס די „ליט. בלעטער" דערשיינען אָן הפסקה, די גרויסע פאַרינטערעסירונג מיט דער איינציקער יידישער ליטעראַרישער וואָכנשריפט ביי די יידישע לייענער אין גאָר דער וועלט, די מיטאַרבעט פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער אין די „בלעטער", — דאָס אַלץ איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז די „בלעטער" זענען אַ מוז-זאַך אין אונזער ליטעראַטור- און קולטור-וועלט.

די „ליט. בלעטער" שטייען אויף דער וואַך פון דעם יידישן שאַפן אין אַלע לענדער, ווו די יידישע פאָלקסמאַסן לעבן און לעבן זיך אוים מיט דער יידישער שפּראַך, יידישער ליטעראַטור, יידיש טעאַטער. די „ליט. בלעטער" פירן אריין דעם יידישן לעזער אין דעם שאַפונגס-קרייז פון דער וועלט-ליטעראַטור.

איניקע יידישע צייטשריפטן, וואָס האָבן די לעצטע 7 יאָר אָנגעהויבן צו דערשיינען אין אייראָפּע און אַמעריקע, האָבן געמוזט זיך אָפּשטעלן. נישט לייכט איז אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע צייט-שריפט אין יידיש. מיר ווענדן זיך דעריבער צו די פריינט פון יידישן וואָרט:

## העלפט אינז ארויסצוגעבן ווייטער די „ליט. בלעטער"!

## זאַמלט אַבאָנענטן פאַר די „ליט. בלעטער"!

## פאַרגרעסערט די צאָל קויפער פון די „ליט. בלעטער"!

דער קומענדיקער נומער 26 איז דער לעצטער פונם צווייטן קוואַרטל (אַפּריל-יוני). איר מוזט שוין אַבאָנירן אויפן דריטן קוואַרטל (יולי-סעפּטעמבער).

פריינט פון יידישן וואָרט

## שאַפט אונז נייע 500 אַבאָנענטן!

„ליטעראַרישע בלעטער"

# איז גרינעם בוים...

אין גרינעם בוים ליגט גרויער אַש,
און שמייכלענדיקע ליפּן קענען אָנהויבן צו האַסן.
איז גוט צו עטעמען אין גרינעם בוים,
און גוט מיט שמייכלענדיקע ליפּן שפּאַסן.

און כאָטש איך ווייס, איך ווייס, איך ווייס, און איך געדענק,
וואָס ס'קען פון ווייסע ביינעווודיקע פינגער ווערן,
איז גוט צו פילן דעם אָנריר פון אַ האַנט
אויף הייסקייט פון מיין שטערן.
און וואָס איז גאָלדענע רייד?
(אַז ס'קען אַפילו רויט שאַריענדיקער זשאַר פאַרלאָשן ווערן)
איז גוט צו שטיין, מיטן פּנים צו דעם פלאַם
און גאָלדענע רייד צו הערן.

# איז מיין שטוב דען אַ שיף

איציק מאַנגער

איז מיין שטוב דען אַ שיף,
וואָס עס וויגט מיך אַזוי אין מיין בעט,
פּונקט ווי ס'גאַנצענע הויז,
וואָלט אויף כוואַליעס געשטאַנען געבעט.

און כאָטש קיינער אין שטוב איז נישטאָ,
איז מיין שטוב אַזוי פול מיט גערויש,
און כאָטש טירן און פענסטער פאַרמאַכט,
איז עס אָפן דורכווים און דורכוים.

און איך כאָטש אין העמד און אין קלייד,
בין איך נאַקעט אינגאַנצן און גאָר,
און מיין האַרץ איז ביי גאָט,
נאָר אַן אימה צעוויגט מיינע האָר.

יצחק באַשעוויס / וואַרשע

# צוויי

(ערציילונג)

(סוף).

אין איינעם אַ זומערדיקן טאָג איז די דאָקטאָרשע יענטעם געוואָר געוואָרן, אַז דער רוסישער קייזער הויבט אָן אַ מלחמה. די פּעטערבורגער צייטונג, וואָס קומט אָן אַהער, האָט אַ סך געשריבן וועגן די עסטרייכער און דייטשן, די שונאים פון פאָטערלאַנד. פאַרן פענסטער האָט מען געזען גיין אַחוץ לוויות — גאַנצע מחנות באַיאָרטע מאַנסלייט מיט ווייסע בלעכלעך אויף די ברוסטן, און ס'זענען זיי נאָכגעגאַנגען פאַרוויינטע ווייבער, איינגעהילטע אין שאַלן און מיט פּעקלעך. דעם אייגענעם טאָג, ווען די דאָקטאָרשע יענטעם איז געגאַנגען קויפן קוילן, האָט די סוחרטע נישט געוואָלט נעמען קיין פּאַפּירן געלט, זי פאַרלאַנגט זילבער אָדער גאָלד. ביי דער דאָקטאָרשע איז אויף איינמאָל די נאָז געוואָרן טאָפּלט לאַנג און זי איז אינדערגיך און אַ איינגעשרומפּענע פון שרעק אַוועק אויפמאָנען אירע חובות. נאָר אין אַלע שטובן האָט מען געפּאַקט הילצערנע קעסטלעך, פלאַקסן-קעפּיקע שקצימלעך און שיקסלעך מיט דאַרע, מיידלשע צעפּלעך האָבן זיך געטוליעט אין די ווינקעלעך, בלייכע פון דעם אומגליק, וואָס פאַלט איבער די דערוואַקסענע. ביי אַלע טירן זענען אויף איר אָנגעפאַלן די הינט, ווי זיי, די כלבים, וואָלטן געוווּסט, אַז ס'איז אַ חוצפּה איצט צו קומען דרייען אַ מוח מיט עפּעס צעקנייטשטע וועקסלען און האַלב-אָפּגעמעקטע קוויטלעך. גוים האָבן נאַרישעוואַטע און שולדיק געשמייכלט צו איר, געלאָזט רעדן די צעיושעטע באָבעס און שעמעוודיק צוגעבאָמקעט:

— יאָ, מ'גייט אויף דער מלחמה... ווער ווייס צי מ'עט נאָך צוריקקומען.... עק - כען...

פאַרנאַכט איז די דאָקטאָרשע יענטעם אַהיימגעקומען אָן אָרעמע און גערינצלטע פון קעלט, אַוועקגעלייגט זיך אין אָנטון אויפן בעט און אויפגעשטאַנען פאַרטאָג מיט אויסגעלאָשענע אויגן-אַפּלען און מיט אַ גרוי גרעקל. פון גאַנצן פאַרמעגן איז אין בלעכענעם פּודעלע פון טיי געלעגן בלויז איין פינף-און-צוואַנציקער און זי איז אַוועק אין באַזאַר איינקויפן שפּייז. אין געוועלבן זענען האַלבע טירן געשטאַנען פאַרמאַכט און ס'האָט געשמעקט מיט אויסבאַהאַלטענע סחורה און יקרות. קרעמערינס אין גרויסע פאַרפאַרבעטע שויטן האָבן געמאַכט זיך נישט-דערקאָנענדיק, מיט פאַרצויגענע ברעמען, שטאַרק-פאַרנומענע, געליינט אין נייע אויסגעשפּרייטע צייטונגען און געהויבן מיט די אַקסלען:

— נישטאָ... איר זאָלט זאָגן אַ לעקן...

די דאָקטאָרשע יענטעם האָט קוים איינגעהאַלטן די טרערן, שטאַרק פאַרקוועטשט דאָס פּאַפּירל אין איר שווייסיק הענטל, לאַנג אַריינגערעדט אין פליישיקע געלע יידן מיט פאַרמעליקטע בערד, געדרייט זיך זשעדנע אויף איין אָרט צוזאַמען מיט דער דינסט און אין אָוונט פונדערסטוועגן געלאָזט אַהיימפירן צוויי זעק. — פון דעמאָלט אָן האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט קלינגען ביי ד"ר יענטעם אין דער טיר. ד"ר יענטעם פלעגט פון געוווינהייט יעדן פרימאָרגן אָנטון זיין ווייסן געלאַטעטן קיטל צו פאַרקנעפּלען אויף הינטן, געדרייט זיך אַהין-און-צוריק איבערן קאַבינעט מיט הענט, וואָס האָבן נישט ווו זיך אַהינצוטון און ביי דער אָפענער טיר חוזק געמאַכט פון די דייטשן מיט דער תחנונימדיקער מינע פון אַ כבוד-פּה.

— אונזערע קאָזאַקלעך... צאַרסקאַיאַ אַרמיאַ... כע-כע..: אָט

דר. יענטעם מיטן נעבעכן געקנייטשטן פּנים האָט געשמייכלט, די גאַנצע צייט אויסגעזען, ווי ער זאָל עפּעס וויסן אַ זאַך פאַראויס און קווענקלט זיך צי ער זאָל עס אַרויסזאָגן... ערשט שפּעטער, ווען די דייטשן זענען אַריין און ס'האָט אָנגעהויבן פעלן ברויט, האָבן ביי ד"ר יענטעם גענומען אָפּפאַלן די הענט. דערצו איז מער נישט געקומען די פּעטערבורגער צייטונג און דערפון זענען, דוכט זיך, די זויבערע, דיק-ווענטיקע שטובן געוואָרן אויף איינמאָל ליידיקער און פרעמדער. דערצו האָט אין איינעם אַ פאַרנאַכט די דאָקטאָרשע זיך געלייגט אין בעט אַריין און צומאָרגנס אינדערפרי נישט געקאָנט אויפשטיין. דר. יענטעם האָט זיך אָנגעטון מיט ציטערנדיקע הענט, אַ ערשטווינטער און צעמישטער עפּעס געמורמלט צו דער אַלטער דינסט און איז אַליין אַראָפּ אין אַפּטייק באַשטעלן די רפואה. דאָס ווייב איז געלעגן אין בעט אַ קליינע, אַ דאַרע, אַן אָפּגעפליקטע, מיט עפּעס אַ בלאָ-ברוינלעכער מראה. אירע אויגן זענען געווען ברייט צעעפנט, געקוקט גליווערנדיק פאַר זיך און ס'איז שווער געווען צו דערגיין, צי איז זי קראַנק, אָדער פאַרביסן און ברוגז.

דר. באַראַבאַנדער האָט שוין דאַמאָלס נישט געלעבט. און מ'האָט סוף-כל-סוף געמוזט נעמען אַ פרעמדן, אַ יונגנמאַן מיט גרויזיסע בלישטשענדיקע בינאָקלען, וואָס האָט אויף אַלץ, וואָס יענטעם האָט גערעדט צו אים, געשאָקלט מיטן קאָפּ, חוצפּהדיק געשריבן אַ רעצעפּט, מיט די פיס אונטער דער שטול, מעשה גרויסער פּראָפעסאָר געזאָגט, אַז ס'קאָן זיין אַ טיפוס. שפּעטער מיט אַ טאָג איז געקומען נאָך איינער אַ דריטער. אַלע האָבן געטענהט דאָס אייגענע, אַז די קראַנקע מוז מען נעמען אין שפּיטאָל, ווייל דאָ וועט זי אויסגיין ווי אַ ליכט... ד"ר יענטעם האָט געשאָקלט מיט דער האַלב-אויסגעקראַכענער פּאָלקע, אַזוי לאַנג געשטעקט די פינגער אין די קעשענעס און געפּרוווט עפּעס זאָגן, ביז ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן קרעכצן

אַ פּאַל געטון מיטן פּנים אַראָפּ און גענומען קלאַפּן מיט דער קליינער פויסט אין ציל, בייניק האַקן מיטן עלנבויגן און קראַמפּנדיק רייסן ראָס ברעט, ווי עס אונטערצוהויבן...

דאָס איז געווען דער שווערסטער אַטאַק, וועלכן דר. יענטעס האָט ווען ס'איז געהאַט. טעג און וואָכן נאָכדעם האָט ער געמוזט ליגן אין בעט, איז אָפּגעשלאָפן מיט אַ צעזשומטן מוח גאַנצע מעת-לעתן, אין חלומדיקער פאַרנומענקייט געדענקט, אַז מ'האָט קראַנקערהייט אויף זיין ווייב אַרויפגעצווינגן די קליידער און זי אַראָפּגעטראָגן אויפן הויף אין קעטשל פון שפּיטאָל. ס'איז געווען פאַרנאַכט, און יענטעסן האָט זיך אין האַלבן דרימל אויסגערוכט, אַז דאָס האָט צו טון מיט אַ שיף, וועלכע וואַרט אויפן ים, טאַקע דאָ דערנעבן, אונטער די פענ-סטער... טעג זענען דערנאָך געשטאַנען אַלולדיק-קילע, פאַרגעסן-ליכ-טיקע. זעלטן האָט די אָפּגעבוימלטע מארישע צוגעטראָגן עפּעס צום עסן, אַמאָל האָט זיך אַהער אַריינגעכאַפּט דער פעלדשער פון אַקעגנ-איבער, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, צוריק זיך אַרויסגעשאַרט. אויפן שוואַרצלעכן געשניצטן סופיט אַרום זשיראַנדאָל האָבן אָן אויפהער אַרומגעראַיעט פליגן. טיילמאָל גאַנץ פרי פלעגט אינדרויסן נעמען ועצן אַ טרויעריקע מוזיק, און אַ טרומייטער האָט דערשאַלט זיך אין דער חוילקייט מיט אויפוועקנדיקער אבלות — דאָס האָט מען אָפּ-געפירט אויפן צמענטאַר אַ געשטאָרבענעם זעלנער. ראַמאָלס פלעגט ד״ר יענטעס פלוצלינג אַ דערשראָקענער אויפרייסן זיך פון זיין הינער-פלעטישער פאַריאָכמערטקייט, דערמאָנען זיך אַ דערציטערטער אינגם ווייב, וואָס ליגט ערגיץ אַ קראַנקע, געפילט, אַז דער מוח שאָקלט זיך ביי אים אין שאַרבן ווי אַ טרוקענע יאָדרע און ער האָט געקלאַפּט מיט דער פויסט אין אָנלען פון בעט צו דער דינסט. די אַלטע פלעגט אַריינ-קומען אַ צעקאָדלטע, מיט אַ חשפּדיקער צורה, רעדן צו אים, ווי צו אַ קינד און ווייזן אויפן מויל:

— נישטאָ קיין פּאַפּע... ניין, גאָרנישט, בי-בי-בי...

— ווו איז די פאַנין — האָט ד״ר יענטעס געפּרוווט די שלאַפע פּיס — אַן

— קראַנק, שפּיטאָל — האָט די אַלטע געמרוקעט האַלבע ווער-טער, און אירע קרימליכע מוטנע אייגלעך האָבן געקוקט פאַר זיך מיט דער ביטערקייט פון אַן אָפּנאַרעריש בעל-חי. — אָהאָן...

אין איר פאַרטוך-קעשענע איז שטענדיק געלעגן אַ טאָפּלטע טאַליע פאַרשמאָלצוועטע קאָרטן, וועלכע זי האָט געהאַלטן אין איין אויסלייגן פאַר זיך און פאַר די שכנותדיקע דינסטן און טרעפן זייערע מזלות. דער קאָטער — אַ רולער פון. שטענדיקן זיצן פאַרמאַכט — איז איר נאָכגעלאָפן ווי אַ הונט און געריסן איר קלייד מיטן פּיסק. ערשט אין איינעם אַ נאָך-סכותדיקן פרימאָרגן איז דר. יענטעס דאָס ערשטע מאָל אַראָפּגעקראָכן פון בעט, אָנגעטון מיט לעצטע כוחות זיינע צעקנייטשטע מלבושים און אַריינגעשלעפּט זיך אין קיך זאָגן דער גויה, אַז ער גייט אַוועק. ס'איז דאָרטן געווען אָנגעוואָרפן און לאַנג נישט געראַמט. דאָס בעט איז געשטאַנען אויפגעבעט. די אַלטע האָט אַזש פאַרבראָכן ביידע אויסגעקרימטע הענט:

— יעזוס מאַריאָן ווו גייט דער פאַן דאָקטאָר, העו... דער פאַן איז קראַנקן אינדרויסן איז אַ רעגן און אַ פוילע קעלטן...

דר. יענטעס האָט אַ שאָקל געטון מיט דער אַשיקער פּאָלקע האָר אין דער בּרייט, ווי אויף ניין, מיטן שפּיץ שטעקעלע אַ שאַר גע-טון אויפן דיל און ער איז צוריק אַרוים. דר. יענטעס האָט דוקא גע-וואָלט גיין אין שפּיטאָל צום ווייב, טונקל געקלערט וועגן דעם, אַז זי איז שוין מסתמא איבערגעקומען דעם קריזיס, שטאַרק זיך געזאָרגט. הלמאי ער האָט פאַר איר גאָרנישט וואָס מיטצונעמען... אינדרויסן האָט געקאָפּעט מיט זשאַווערדיק-גרינלעכע טראָפּנס, אַ גרויסער גע-לער הונט, אַן אָפּגעצוואָגענער מיט אַ נאָכהענגנדיקן וויידל, איז אים אַקעגנגעקומען, אים אַ שמעק געטון צו דער קני הינטער דער פּאָלע און זיך געלאָזט גיין פּאַמעלעך אויף צוריק מיט דער ערנסטקייט פון אַ שליח, וואָס האָט אָפּגעטון דאָס זייניקע. אין דער האַרבער פּוסט-קייט האָט זיך פויל געשלעפּט אַ לוויה מיט עטלעכע באַגלייטער. דר. יענטעס האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, אָנגעהויבן לייכט אונטער-זינגען און דערפילט, אַז עפּעס אַ וואָרט הענגט אים אויפן סאַמע שפּיץ צונג, אַ שעמעוודיקס, אַ גליטשיקס, וואָס לאָזט זיך בשום-אופן נישט אָנכאַפּן און קיצלט צווישן די ליפּן...

ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז ער איז צוגעקומען צום ברייטן ני-דעריקן עפּידעמישן שפּיטאָל, אַ נישט-געטינקעוועטס, ווי אַ קאַזאַר-מע, מיט אַ לאַנגער שורה בלינדע פענסטער, אַרום זענען געלעגן האַלב-אויסגעקראָכענע גראָזיקע פלעצער און ס'זענען געווען אָנגעב-לייגט גרויסע קופּעס שטיינער. ביים קליינעם שוואַרצן איינגאַנג טיר זענען געשטאַנען עטלעכע גויהס אין שאַלן. אַ קליין גויעצל מיט גערדרייטע געלע וואָנסעלעך און אין אַ בלוי צו-ברייט צו-לאַנג פאַרטוך איז אַרויסגעקומען, אַ קראַץ געטון אונטערן לעדערנעם ראַשיק און געפרעגט:

— און דער פאַן צו וועמען?

— אַ?... איך בין ד״ר יענטעס...

— דאָקטאָראָוואַ יענטעס איז געשטאָרבן — האָט דאָס גוי-עצל געענטפערט זאַכלעך און פלוצלינג גענומען שטאַרק פינטלען מיט זיינע קליינע נישט אויסגעשלאָפענע אייגלעך. — שוין לאַנג אוועק-געפירט...

דר. יענטעס האָט אויף אים נייגעריק אַ קוק געטון, געעפנט קרום דאָס מויל נאָך עפּעס צו פרעגן און אַזוי געבליבן שטיין — דאָס קאַפּעליושל פאַררוקט, מיט פאַרחידושט אויפגעהויבענע ברילן. נאָר דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען שטעלן פּאַמע-לעכע, געמאָסטענע טריט אויף צוריק, ווי ער וואָלט זיך גערעכנט, אַז מ'וועט אים אַ לאַדע רגע צוריקרופן... אַן עולם יידן אין שוואַרצע צע-קנעפּלטע קאַפּאָטעס און פאַררוקטע היטלען זענען געשטאַנען צו-נויפגעדריקט אין מיטן פּלאַץ, ווי אַ מחנה קראָען, געקוקט ערגיץ פאַר זיך און גערעדט אַלע מיט איינמאָל. אַן עגלה-ייד מיט צוויי שורות בלעכענע קנעפּ אין פּאַלטאָ האָט זיך אַרומגעדרייט מיט דער בייטש אין דער האַנט, אין אַ ווינקל מויל געפּאַפּעט אַ לעצט שטיקל פּאַפּי-ראָס. דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן נעפּלדיק גיך און ריסיק, אַ דינער, שטעכעדיקער רעגן האָט גענומען פאַלן קרום, געקנאַקט איבער דער פּלייצע האַרט, ווי אַ האָגל אין דער נאַסער גרוביקער חשכות האָבן בלענדיק געצאַנקט און געשאָקלט זיך הינטער-שטאָטישע לאַמטערן, לאָקאָמאָטיוון האָבן געפייפט עקשנותדיק לאַנג און אויסגעצויגן, ווי זיי וואָלטן זיך ערגיץ איינם דאָס אַנדערע אַרומגעזוכט און קאָנען זיך בשום-אופן נישט געפינען. ערגעץ אונטער אַ דאַך פון אַ שאָפּע האָט דר. יענטעס זיך צוגעזעצט, שטאַרק פאַרביסן מיט די אונטערשטע יאַסלעס דאָס שטיקל וואַטענע וואָנסע און איז אַזוי זיצנדיקערהייט קאַלט געוואָרן.

פאַרלאַג „קאָלעקטיוו" — וואַרשע

שוין דערשינען די נייע פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון דעם באַרימטן בוך

ק. ח. היישריק
אין פייער און בלוט
(מלחמה-בוך)

„דאָס בוך ציט אייך צו מיט זיין אויסערגעוויינלעכער אמת-דיקייט און פּשטות, מיט דער קלאָרער און אויפריכטיקער שיל-דערונג פון די שווערסטע און שרעקלעכסטע מלחמה-איבערלעבונגען. מען דאַרף דורכוים זיין קינסטלעריש באַגאַבט, אום אַזוי צו זען ערשיינונגען, ווי עס זעט זיי ה' היישעריק".
הלל ציטלין.

פּרייז 7.20 גילדן

פאַר בוכהענדלער און ביבליאָטעקן ראַבאַט.
אויסשליסלעכער פאַרקויף:
קאָאָפּ. „ביכער", וואַרשע, נאַלעווקי 2א
פאַר געלט (אין פּוילן) — P. K. O. 13.196 —

פאַרלאַג ב. קלעצקין

יעקב לעשצינסקי
צווישן לעבן און טויט
(צו יאָר יידיש לעבן
אין ראַטנפאַרבאַנד)
פּרייז 7.50 גילדן.